NYC Health

# ווען צווייטהאנטיגע רויך קומט אריין אין אייער היים:
# אפט געפרעגטע פראגעס

צווייטהאנטיגע רויך קען זיין א שווערער פראבלעם צו לעבן דערמיט. די אינפארמאציע און ריסאורסעס אונטן קענען העלפן ווען צווייטהאנטיגע רויך קומט אריין אין אייער היים.

**וואספארא געזעצן באשיצן ניו יארקערס פון צווייטהאנטיגע רויך אין געביידעס?**
די ניו יאָרק סיטי (NYC) רויך פרייע לופט אקט (Smoke Free Air Act, SFAA) פארבאט רייכערן און אי-סיגארעט באנוץ אין געמיינזאמע פלעצער פון רעזידענשל געביידעס מיט דריי אדער מער יוניטס. געמיינזאמע פלעצער נעמען אריין האלוועס, סטעירקעיסעס, לאנדרי רומס און לאביס. רייכערן נעמט אריין דעם באנוץ פון טאבאקא אדער קאנאביס (מאריכואנא) ציגארעטלעך, ציגארן, און הוקא (וואסער פייפס).

**וואס קען איך טון אויב רויך גייט אריין אין מיין אפארטמענט ווייל מיינע שכנים רייכערן אין געמיינזאמע פלעצער?**
צו באריכטן אן SFAA פארלעצונג, רופט **311**, אדער באזוכט **on.nyc.gov/smokingcomplaint**, פארברייטערט דעם **Building** (געביידע) דראפ-דאון און קליק'ט **Report smoking at a location covered by the Smoke Free Air Act** (באריכט רייכערן אין א לאקאציע וואס איז געדעקט דורך די רויך פרייע לופט אקט). צו באריכטן א פארלעצונג דורכן טעלעפאן אדער אנליין, מוזט איר צושטעלן קאנטאקט אינפארמאציע פארן לענדלארד אדער מענעדזשמענט פירמע און די געביידע אדרעס. אלע אינפארמאציע מיטגעטיילט מיט **311** איז געהיים.

**וואס קען איך טון אויב רויך גייט אריין אין מיין אפארטמענט ווייל מיינע שכנים רייכערן אין זייער אפארטמענט?**
די SFAA שטעלט נישט אף קיין מענטשן פון רייכערן אינעווייניג אין זייערע אפארטמענטס. דאס מיינט אז די NYC אפטיילונג פון געזונטהייט און גייסטישע היגיענע קען נישט רעאגירן צו קיין קלאגעס פון רויך וואס גייט אריבער פון איין אפארטמענט צום צווייטן.

אויב אייער געביידע האט א רויך-פרייע פאליסי און ערלויבט נישט קיין רייכערן אינדערהיים, קען אייער שכן זיין אין פארלעצונג פון זייער ליעס. פאלגט אויס די שריט צו באריכטן דעם פראבלעם:

1. שרייבט אראפ ווען די רויך גייט אריין אין אייער אפארטמענט, פון וואו עס קומט און סיי וועלכע געזונט פראבלעמען וואס עס פאראורזאכט (אזוי ווי הוסטן אדער שוועריגקייטן מיטן אטעמען) אין א טאגבוך אדער לוח. שילדערט וויפיל איינצלהייטן עס איז נאר מעגליך.
2. שרייבט צו אייער געביידע אייגנטומער אדער מענעדזשער. שילדערט דעם פראבלעם בפרטיות און בעט פאר הילף. איר קענט אויך פארשלאגן לעזונגען, אזוי ווי אריינפולן שפאלטנס צווישן אפארטמענטס אדער באקוקן די ווענטילאציע סיסטעם. האלט קאפיעס פון אלע קאמוניקאציע און ענטפערס.
3. אויב איר רעדט יא צו אייער שכן, נוצט א פריינטליכע צוגאנג. זאגט זיי אז די רויך קומט אריין אין אייער אפארטמענט און אפעקטירט אייער אדער אייער פאמיליע'ס געזונטהייט. אויב איר דארפט הילף מיטן רעדן צו אייער שכן, פארבינדט זיך מיט די ניו יארק פרידן אינסטיטוט (New York Peace Institute) אויף 212-577-1740 אדער **info@nypeace.org**.
4. אויב די אויבנדערמאנטע שריט העלפן נישט, שרייבט ווייטער צו אייער געביידע אייגנטומער אדער מענעדזשער.
5. באזוכט **nycsmokefree.org** געוואר צו ווערן מער לגבי ווי אזוי צו אדוואקעיט'ן פאר רויך-פרייע האוזינג.

**וואס איז אויב מיין געביידע האט נישט קיין רייכערן פאליסי?**
אנגעהויבן פון אוגוסט 2018, טוט א לאקאלע געזעץ פאדערן פון אלע רעזידענשל געביידעס מיט דריי אדער מער יוניטס צו האבן א רייכערן פאליסי. געביידע אייגנטומער און מענעדזשערס מוזן מיטטיילן זייער פאליסי מיט יעצטיגע און צוקונפטיגע טענענטס אדער זיין אויסגעשטעלט צו א $100 געלט-שטראף. רייכערן פאליסיס פאר

רעזידענשל געביידעס ווערן באשטימט דורך געביידע אייגנטומערס און מענעדזשערס. כאטש וואס טייל געביידעס קענען זיין רויך-פריי, טוט דער געזעץ טוט נישט פאדערן אז האוזינג זאל זיין רויך-פריי. פאר מער אינפארמאציע, **nyc.gov/health** און זוכט "**smoke-free housing**" (**רויך-פרייע האוזינג**)

**וואס איז אויב איך האב נישט באקומען א רייכערן פאליסי פון מיין לענדלארד?**
בעט אייער לענדלארד פארן פאליסי, אדער רופט **311** און זאגט פארן אגענט אז איר האט נישט באקומען קיין רייכערן פאליסי פון אייער לענדלארד. איר מוזט צושטעלן די געביידע אדרעס און קאנטאקט אינפארמאציע פארן לענדלארד אדער מענעדזשמענט פירמע. אלע אינפארמאציע מיטגעטיילט מיט **311** איז געהיים.

**וואס איז אויב מיין געביידע אייגנטומער העלפט נישט?**
נעמט אין באטראכט צו רעדן צו אן אדוואקאט וועגן אייערע לעגאלע רעכטן. א טענענט מיט א דיסאביליטי וואס איז אפעקטירן דורך רייכערן, אזוי ווי לונגען קראנקהייט, קען מעגליך נעמען לעגאלע שריט אויב א לענדלארד שטעלט נישט צו קיין מעסיגע אקאמאדאציעס זיי צו באשיצן פון צווייטהאנטיגע רויך. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט:

- **nycourts.gov/courts/nyc/housing**
- **housingcourtanswers.org/answers/for-tenants**
- **publichealthlawcenter.org/topics/commercial-tobacco-control/smoke-free-housing**
- **smokefreehousingny.org**

**זענען פארהאן אנדערע פאליסיס וואס זענען גילטיג אויף פאבליק האוזינג?**
יא. די US דעפארטמענט פון האוזינג און אורבען דעוועלאפמענט האט פארלאנגט אז אלע פאבליק האוזינג זאל זיין רויך-פריי ביז יולי 30, 2018. די NYC האוזינג אוטאריטעט'ס (NYC Housing Authority, NYCHA) רויך-פרייע פאליסי פארבאט דאס באנוץ פון ציגארעטלעך, ציגארן, פייפס און הוקא פייפס סיי וואו אין פאבליק האוזינג געביידעס און אינדרויסן אינערהאלב 25 פוס פון סיי וועלכע NYCHA געביידע.פאר מער אינפארמאציע לגבי רויך-פרייע NYCHA, באזוכט אייער NYCHA מענעדזשמענט אפיס אדער **on.nyc.gov/nycha-smoke-free**. צו באריכטן א פארלעצונג, רופט די NYCHA קאסטומער קאנטאקט צענטער אויף 718-707-7771.

**וואס איז אויב איך האב א קינד אינדערהיים און איך בין באזארגט וועגן צווייטהאנטיגע רויך?**
רעדט צו אייער קינד'ס העלט קעיר פראוויידער. אויב א קינד אין אייער היים האט א דיסאביליטי אדער כראנישע קראנקהייט (אזוי ווי אסטמא) און קען בענעפיטירן פון נאך סערוויסעס, פארבינדט זיך מיט די קינדער און יוגנטליכע מיט ספעציעלע געזונטהייט געברויכן פראגראם דורכן רופן **311**, אימעיל'ן **cshcn@health.nyc.gov**, אדער באזוכן **nyc.gov/health** און זוכן "**children and youth with special health care needs**" (**קינדער און יוגנטליכע מיט ספעציעלע געזונטהייט געברויכן**) .

**ווי אזוי קען איך מאכן מיין רעזידענשל געביידע רויך-פריי?**
אויב איר ווילט אז אייער געביידע זאל זיין גענצליך פריי פון צווייטהאנטיגע רויך, שיקט א בריוו אדער אימעיל צו אייער געביידע אייגנטומער אדער מענעדזשער. שילדערט אייערע זארגן לגבי צווייטהאנטיגע רויך פון טאבאקא אדער קאנאביס וואס קומט אריין אין אייער היים און פארלאנגט א רויך-פרייע געביידע פאליסי. נעמט אין באטראכט צו בעטן אייערע שכנים צו מאכן ענליכע פאדערונגען. האלטס א קאפיע פון אלע שריפטליכע פאדערונגען.

**אלס א געביידע אייגנטומער, ווי אזוי קען איך מאכן מיין פראפערטי רויך-פריי?**
אויב איר זענט א געביידע אייגנטומער, באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט "**smoke-free housing**" (**רויך-פרייע האוזינג**) פאר ריסאורסעס אויף אנטוויקלען אדער טוישן אייער געביידע'ס רייכערן פאליסי, אזוי ווי די סעמפל פאליסי וואס נעמט אריין טאבאקא, קאנאביס, און וועיפינג פראדוקטן, און רויך-פרייע האוזינג אינפארמאציע פאר איינוואוינער.

פאר פראגעס, אימעיל'ט **shscomplaints@health.nyc.gov**. פאר מער אינפארמאציע וועגן קאנאביס, באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט "**cannabis**" (**קאנאביס**).